ב ת ו פ י ם ו ב מ ח ו ל ו ת |בעטופּים אַווימכוילעס| -

אדוו פר. (לל) 1. מיט פּויקן און מיט טענץ, 1

מיט מוזיק און טענץ. אנטקעגן גיין (ארויסגיין,

באגעגענען) בתופים ובמחולות. דעם יום-טוב האט מען

געפראוועט בתופים ובמחולות.

1960 " יידן גייען ארום איבער די גאסן בתופים

ובמחולות. מע בלאָזט אויף טראָמפּייטן, מע פּויקט

אויף פויקן". ייט, טאג, XI/24.

2. (פיג) מיט גרויס פּאַראַד, מיט פּאַמפּע, פּייערלעך.

1890 " עס וואלט געווען א גרויסע חוצפה |...|

מיר זאָלן רעכענען, אז אדעסער קהל |...| וועט 1952

אויפהערן מקבר צו זיין אריסטאקראטישע מתים

בתופים ובמחולות". ייפאל, נ׳ 3, ז׳ 5.

1921 " |...| די יידישע סאציאליסטישע פארטייען

|...| זיינען ארויסגעקראכן פון די אומפארטייישע 1951

קונסט-און בילדונגס-לעכער |...| און ארויסגעמארשירט

בתופים ובמחולות אויף דער ׳יידישער׳גאס".

זש׳ כוואליעס, נ׳ 3, וויטעבסק.

1962 "זיי האבן גענומען צעפּויקן זייך |דעם חזנס|

גרויסקייט און זיין וווּנדערבארן טאלאנט בתופים 1954

ובמחולות |...| אז אונדערע שטעט האבן זיך מתקנא

געווען". ש. וויגאדא, פאר, XI/28.

2. ←

1732 " |...| אלש בין איך שוין אך דא הין אינקאמי-

נירט |...| צו גיהן ואבוא אצלו בתופים ובמחולות 1953

|...|". אגרת שלמה, וואנזיבעק, דף יח/ב.

ב ת ו ק ף |בעטויקעף| - אדוו. (לל) גילטיק,
אין קראפט. % דאס געזעץ וועגן דעם קאפשטייער
איז געווען בתוקף א לאנגע צייט.

1870 " געזעצן וואס רירן אן די פאמיליע, דאס
אייגנטום, צי פראוועס פון ירושה בלייבן בתוקף 1958
ווי פריער". קמ, נ׳ 43, ז׳ 318 - III.

|| בתוקפו |בעטאקפוי| - אדוו. (לל) אין זיין
(גאנצן) כוח, מיט דער פולער קראפט, מאכט.

1864 " זיצט דער מוכסין אין דער תפיסה בתוקפו
מיט זיין ווייב און מיט זיינע קינדער אלע אין 1960
איינעם". מעשה פון א רב |...|, זשיטאמיר, ז׳3.

... " א מאל ווען קהל איז געווען בתוקפו, פלעגן
זיך די ראשי-הקהל צונויפפארן |...| און מאכן זיין בר
תקנות". ה. צייטלין.

1711

ם ... " דאס איז מיכאל השר הגדול דער איז דער גרושר
כח פון אור העליון דז דא קומט מצד דרום דז דאש 1959
אור דארט שטיט בתוקפו מצד הימין אונ׳ ער איז דער
אפוטרופות הגדול פון ישראל". נצן, בראשית,
פפד"מ, דף י׳ ג.

בתקפה וגבורתה |בעטאקפא אוגווורא סא| (לל) אדוו פר.
מיט דעם גאנצן כוח, מיט דער פולער מאכט.

1888 " דאס שטעטל ב... איז אויך איינע פון די יידישע
שטעטלעך, ווו די כאלערע |טעקסט: חלי-רע| פון שינאת- 2156
חינם הערשט בתקפה וגבורתה". ייפאל, נ׳ 17,
ביילאגע, ז׳ 490.

3. [redacted] - בת

ב ת ו ר / ב ת ו ר ת|בעטויר/בעטוירעס| - ערשטער טייל

פון א צאל צונויפהעפטן (אדוו פר), מיטן באטייט:

ווי א (אלס א), אין כאראקטער (קאטעגאריע, בחינה)

פון א... % דעם הונדערטער האט ער גענומען **בתור**

**גמילות-חסד**. **בתורת המשכון** קאן איך איינלייגן דעם

גאלדענעם זייגער. זיי זיינען דא אויף דעם קאנגרעס

**בתור** דעלעגאטן.

1895 " גאנצע נעכט זאל ער בלאנקען |...| אויפן עולם

השפל, **בתורת גוטער-ייד** צווישן די מתים". ייל, 1978

דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 206.

1917 " **בתורלוין-ארבעטער** איז דער פראלעטאריער

ארייגעטאן אין דעם, אז דער קאפיטאליסט זאל דארפן 1962

האבן וואס מער מענטשלעכע ארבעט". זשיט, שריפטן V ,

נ"י, ז' 188.

1969 " אייניקע פריערדיקע אביטוריענטן זענען געבליבן

ארבעטן אין אינסטיטוט **בתור וויסנשאפטלערס**". 1961

א. ראזענטאל, זש' גק, נ' 66, ז' 80.

0 פון די מער פארשפרייטע צונויפהעפטן:

**בתור/בתורת הלוואה** |... האלוואע| - אדוו. פר.

אזוי ווי געבארגט, געליען.

1866 " זי פלעגט אליין צו די |...| ארעמע צו פארן

|...| און האט אפגעשטעקט שטיל א שיינע נדבה 1983

**בתורתהלוואה**". קמ, נ' 36, ז' 552.

1910 " |...| געלט אויף פראצענט, |...| אייגנס און

פרעמדס, וואס ער האט גענומען אויף זיין חשבון 1972

**בתורת הלוואה** ביי גלחים און פריצים". רעד'

ג. באדער, יודישער פאלקסקאלענדאר, תר"ע,

לעמבערג, ז' 110.

4. בת - [redacted].

1961 " איך האב אויסגעהאלטן אייער פרוי, און איך

1982 האב איר דאס געלט געגעבן בתורת-הלוואה". מ. אונגער,

טמז, VII/16.

בתורת-מתנה |...מאַטאַנע| - אדוו פר. ווי א געשאנק.

1866 " אפילו דער לווה גיט אים |דעם מלווה|,

1998 דעמאלס סתם און זאגט אים: איך שענק דיר דאס

בתורת מתנה, ניט פאר דער טובה, איז אויך אסור,

ווייל עס צייגט אויס ווי [illegible] מ. הלוי הורוויץ,

ספר פרשת מרדכי, אונגוואר, ז' ח' - I.

1876 " דערפאר האט דער געפאַנגענער, וואס גייט ארום

1999 אַן א שטעלע, אַנשפּרוך אונטערשטיצט צו ווערן פון

דער חברה-קאסע, ביז ער קריגט באשעפטיקונג,

ענטוועדער בתורת מתנה אדער אלס אַנלייַע |הלוואה|".

צעדערבוים, געהיימניס פון בערדיטשעוו,

ווארשע, ז' 47.

בתורת-נדבה |...נעדאַווע| - אדוו פר. ווי א נדבה.

1868 " און אז איינער וויל אים געבן א קערבל

2004 בתורת-נדבה אויף בכבודער אַרט |...| ווי קען מען

דאס פּאַרווערן?". ארז, קמ. נ' 26, ז' 191 - I.

1948. " אדער בתור-הלוואה, אויף א צייט, אדער

בתור-נדבה אויף קיין מאל זיי צוריק שוין ניט זען".

נס, משפחה מאשבער, [illegible] 300.

1959 " האט ער אים דערלאנגט עטלעכע גראשן בתורת-נדבה.

2000 ייט, טאג, VI/6.

בתורת-עדות |...איידעס| - אדוו פר. אין כאראקטער, אין

דער ראל פון אן עדות.

5. [redacted]-בת

" |...| וועל איך דיר שיקן א גביות-עדות פון [?1819]
2007 מענשין וואס מען קען זייא אין גאלאץ, אונ׳ זייא
וועלין זאגין בתורת עדות, אז דעם זאלינירס קדיש
איז א שרעקליכר רשע". יפ, מגלה טמירין,
ציט יידישע כתבים, ווילנע, 1937, ז׳ 189.

1864 " יעדער ארנטלעכער מענטש פון ב. וועט בתורת-
2009 עדות זאגן, אז דער רב פ. איז חשוב אין שטאט".
ש. י. ראפאפארט, קמ.נ׳ 16, ז׳ 248.

1962 " דעריבער וויל איך זאגן בתורת-עדות, אז
2008 דאס |...| איז אמת ויציב". מ. פראגער, טמז,
.16/I

22 דוגמאס

בתורת-פקדון |... פיגאדן| - אדוו פר. אזוי ווי א זאך
וואס מע לאזט איבער ביי עמעצן אויף צו האלטן ביז
א צייט.

1866 " דער כלל דערקלערט, ווען איין ישראל האט געלט
2013 ביי איין עכו"ם |...| בתורת-פקדון |...|.
ה. הלוי הורוויץ, ספר פרשת מרדכי, אונגוואר,
דף ד- I.

1883 " ווי איינער גיט א פקדון באהאלטן צו זיין חבר,
2014 כאטשע ער איז אים שולדיק געלט, פון דעסטוועגן
האלט ער ניט איין דעם פקדון פאר דעם געלט,|...|
וייל ער האט אים געגעבן בתורת-פקדון".
נופת צופים II, ווילנע, ז׳ 58 - II.

[?.] (?)

ב ת ו ר ה |בעטויערע| - אדוו, אין תורה, אין לערנען
תורה. % עוסק זיין בתורה. דער ייד איז
ארייגעטאן בתורה יומם ולילה. דער רב איז א גדול
בתורה.

6. [redacted] - בת

1860 " עס פעלט אונז נאך איין ראבינער, איין איש

אוהב אמת וצדק, בקי בתורה ובחכמה, דער אונז בדרך 1966/א

הישר מנהיג זיין זאל". קורות העתים, נ׳ 6,

יאסי, ז׳ 21 - I.

1875 " און ער |דער בעש"ט| איז געזעסן טאג און נאכט

בתורה ותפילה, נאר משבת ושבת פלעגט ער ארויסגיין". 1967

קהל חסידים, לעמבערג, דף ד - II.

1975 " ער האט געטראגן א ספּאָדעק און עוסק געווען

בתורה יום ולילה". באש, דער שפיגל |...|,

ת"א, ז׳ 182.

|| בתורת |בעטוירעס| - איין לערע (איין סמיכה מיט

אנדערע ווערטער)א

1867 " יחידי-סגולה וואס האבן שוין אויסגעלערנט

תנ"ך |...| ש"ס מיט פוסקים, שאט אוודאי נישט 2018

זיי זאלן אויך לערנען |...| בתורת קבלה |...| פון

אדם הראשון בסוד בעל-פה איבערגעגעבן". ייל,

קמ, נ׳ 24, ז׳ 186 - I.

ם 1711 " |...| ווער עס בגערט עושר אונ׳ בגערט

אורך ימים לעולם הבא דא זאלין קומן אונ׳ זאלן 1966

עוסק בתורה זיין". נצן, בראשית, פפד"מ, 1444 - באג

דף כד - א.

בתחילה |ביטכילע| - אדוו. (עלט). צום אנהייב,
פון אנהייב; תחילת, לכתחילה.

1883 " בתחילה אז זי |די תורה| הייבט אן זיך
אנטפלעקן צו אים |צו איר אוהב|, ווייזט זי זיך 2024
ברמיזה. פארשטייט ער דאס - איז גוט". נופת
צופים (אויף חומש) 2, ווילנע, ז' 234 - II.

1957 " |ער האט| געזונגען א ניגון בתחילה מיט
א טיפער עצבות ותחנונים |...| און נאך דעם מיט 2028
א גרויסער שימחה". לדב, נ"י, דף קס"ז.

1711 " מיר לערנין עש פון הקב"ה דז ער האט בתחילה
גיבויט דען עולם, אונ' האט אים גיגרונדפעשט אונ' 2025
האט אן גיגרייט אלירלייא פרנסה |...|". נצו, 1
בראשית, פפד"מ, דף י"ד - ד.

8.

בָּ ת י =I = |באַטיי=| מצ פון בית אין סמיכות: בתי-מדרשים, בתי-תפילה א"א ( ---> בית=...).

בּ ת י II |ביטי| - מייַן טאָכטער (געניצט אפט מאל אין אמאליקן דריוו-נוסח אדער אין לומדישן שמועס).

... " און שטעלט ער נאר אוועק די ערשטע צוויי ווערטער: 'בתי היקרה - טייערע טאכטער", אזוי גייט אים אפ דער כעס". שע, אין שטורם, ז' 107. 2034

1943.. " בתי אסתר, - האט ער געשריבן, - איז שוין א מיידל צו לייטן |...|". נס, משפחה מאשבערI, נ' ז' קאנט 371.

בת - 25.

1734 " וואש טוגינד של בתי הכלה שת' בטרעפט, שטיהט מיר ניט צו ריהמן |...|". י. מארשן, לשון זהב, אמשטרדם, תצ"ד.

ב ת י ב ה ט |בעטיוועט| - אדי. (עלט, לל?) בנב.

1864 " |...| איך געהאנגען א קליין ווייס שילד מיט שווארצע בתיבהטע אותיות: 'דא זיצט גאלדע יאקאבזאהן, די נייטארין". ממוס, דאס קליינע מענטשעלע, ציט, קאנק 102.

בת - [redacted]

ב ת י ם |באַטים| - די, מצ. 1. די צוויי פירעקיקע שוואַרצע קעסטעלעך פון די תפילין (דער "של-יד" און דער "של-ראש"), אין וועלכע מע לייגט אַריין די פּרשיות און מע ציט אַריין די רצועות. (אויף דעם של-ראש איז פון דער רעכטער זייט אויסגעפּרעסט א שין מיט דריי קעפּלעך, און אויף דער לינקער - א שין מיט פיר קעפּלעך; אויף די בתים טוט מען אַרויף שיידלעך פון פּאַפּיר, מעטאַל (ביי די רייכערע- פון זילבער) - די דאָזיקע שיידלעך ווערן אויך גערופן בתים).

1888 " געלעבט האָבן דעמאָלט // נאָך די אַלטע בעלי-בתים, // מיט מעשענע ברילן // און זילבערנע בתים". פּרץ, מאַניש, ציט אויסגעווײלטע ווערק, ווארשע, 1951, ז' 200.

1963 " אַן אַנדער שבתי-צביניק איז געווען א סופר און ער האָט אַריינגעלייגט אין די בתים פון די תפילין נישט פּרשות געשריבן אויף פּאַרמעט, נאָר אומריינקייט און ציגענע באָבקעס". באַש, חורבן קרעשעוו, קאַנק 221.

2. (לל) ווערטער, לויט דער באַצייכענונג פון געוויסע בעלי-קבלה.

1875 " דו זאָלסט וויסן, דאָס די אותיות פון אלף-בית ווערן אָנגערופן אבנים, אַזוי ווי עס שטייט אין ספר יצירה, און די ווערטער ווערן גערופן בתים". 2050
מעשה פליאות, ווארשע, ז' י"ט.

באַמ: (מסופק צי איז דאָס א שטענדיקער באַטייט, צי דאַרף מען אים אָנגעבן).

ם----← .1

1711 " איין מלאכה צוא די תפילין מיט אירי **בתים** מיט דיא רצועות |...|". נצ"ן, דברים לז - 3. פפד"מ. 2055

1752 " אונ' דש ארט פון (תפילין של ראש) איז וואו די ווארצל פון די האר איבער דעם שטערן אן פנגן דא גהערן די (**בתים**) צו ליגן". עה, לג - ו. 2056

3. הייזער (מערצאל פון בית).

1632 " אונ' פיל טרכטין ערמות והבולות קויפן **בתים** כדי דז זיא ניט וועלין סכום געבין, אויך פיל קויפין **בתים** בכל אשר להם". תקנות שצ"ב, פנקס הכשרים של קהלת פוזנא, ציט אויסג ירושלים 1967. 2048

30 ב ת כ ל י ת |בעטאַכלעס| - אדוו. גרינטלעך, תוכיק, אבסאלוט, אין דער העכסטער מדרגה, ביז צום סוף.

1832 " ער זאל זאגן תהילים תיכף ומיד |...| זייער צעבראכן |...| **בתכלית** און ניט קיין געמאכטע צעבראכנקייט". פוקח עורים, שקלאוו, א'. 2075

........................................................

באַמ: דער אויסלייג און, דאכט זיך, די שפראך אליין, מאדערניזירט!

........................................................

1868 " ער איז א מבין אויף מאטעריאל, האט ער תמיד דאס בעסטע געקויפט און **בתכלית**". קצ, נ' 14, ז' 101-II. 2076

1957 " ר' מענדל וויטעבסקער איז געווען אויסעפּלעך
|...| זייער שטרענג, און אינערלעך ווייך און 2077
גוט בתכלית". ה. צייטלין, אריינפיר |...|,
נ"י, ז' 86.

0 בתכלית =...– ערשטער טייל פון א צאל אדוו פר.
גיט צו דעם קומענדיקן ווארט דעם באטייט: זייער
שטארק, ביז גאר, אין דער העכסטער מאס. עטלעכע
דוגמאות"!

בתכלית-הביטול |...=האביטל| – אדוו פר. מיט דער
גרעסטער פאראכטונג. % דעם דאזיקן פארשויך
האט מען מבטל געווען בתכלית-הביטול, קיינער
האט זיך מיט זיין מיינונג נישט גערעכנט.

1968 " דארפן מיר זיך געוווינען במטל זיין די וועלט
בתכלית-הביטול". חב, צמח אטלאס II, נ"י,
ז' 240.

בתכלית-הכשרות |...=האקאשרעס| – אבסאלוט כשר.
% דער רעסטאראן ווערט געפירט בתכלית-הכשרות.

1946 " ער איז געווען צופרידן, אלצדינג איז געווען
בתכלית הכשרות". ייט, פוילן II, קאנק? 238.

בתכלית-הפשטות |...=האפּאשטעס| – אויסערגעוויינלעך
פשוט, קלאָר. % דער ראש-ישיבה פלעגט אלץ מסביר
זיין בתכלית-הפשטות, אָן פשטלען און אָן קלאָץ-קשיות.

1929 " פאר וואס זאל מען נישט מאכן פון דער דאזיקער
'ערפינדונג' עפעס אזוינס, וואס זאל זיין פשוט 2087
בתכלית-הפשטות?". ~~לוקטי-אמרים, [illegible]~~
[illegible], פגש II, [illegible], ז' 108

1957 " [illegible] בתכלית-הפשטות". [illegible]
לוקטי אמרים, [illegible], נ"י, [illegible]
ר' שניאור-זלמן מליאדי,

בתכלית-הקיצור |..."האקיצער| - ביז גאר קורץ, שטארק
בקיצור. % ס'איז ניטא קיין פלאץ, זאלסטו דעם
באריכט מאכן בתכלית הקיצור, ממש אין עטלעכע שורות.

1888 " א נאַר טאקע, |...| פארקירצט אים דעם דעת
בתכלית-הקיצור, ביז לעצט". א. א. שאצקעס, 2092
בילדער פון דער ליטא, ייפאל נ' 1, קיעוו, ז' 164.

... " און ענטפערט אים, כדרכו, בתכלית-הקיצור".
פרץ, מסירת-נפש.

1960 " דא האט דער ענין געמוזט אויסגעלייגט ווערן
בתכלית-הקיצור|...|". מון, יישפ XX - 3. 2093

בתכלית-השינאה |...=האסינע| - מיט דער גרעסטער
פיינדשאפט.

... "כאטש ר' גרשון איז געווען אן עם-הארץ |...|
נאר 'משכילים' האט ער פיינט געהאט בתכלית השינאה". 2100
שע, טייבעלע, ז' 35.

13. [redacted]בת-

1912 " ער איז א ייד, ווען אפילו אלע יידן ווילן פון
2102 אים גארניט וויסן, און ער אליין האט פיינט זייך
פאלק בתכלית-השינאה". זשיט, שריפטן II, נ"י,
ז' 117.

1953 " די מאמע האט די תיפלה פיינט געהאט בתכלית-
1099 השינאה". הר, אין שענסטן טאג פון הארבסט,
ל"א, ז' 29.

בתכלית השיפלות |...=האשיפלעס| - זייער נידעריק,
געפאלן ביז לעצט.

1865 " דיר איז גוט באקאנט דער עלנטער |טעקסט:
עלענדע| צושטאנד פון דער שטאט בראד: דאס הייסט
די ליבע יידישע פרנסות און זייערע בילדונג וואס
איז בתכלית-השפלות". |אמד|, דיא קרעמערקעס
אדער גאלדע מינע די בראדער עגונה, ווילנע, ז' 61.

1870 " פאר וואס זאל העברעיש ליגן בתכלית-השפלות
2109 הן ביי געבילדעטע הן ביי חסידים". קמ, נ' 17,
ז' 130 - I.

... " א חוץ דעם, וואס דער ייד איז דערנידעריקט
2106 בתכלית-השפלות |...|". ממוס, א סגולה, ז' 15.

בתכלית השלמות |...=האשליימעס| - אין אבסאלוטער
שלמות, פערפעקט אין העכסטן גראד.

1870 " |...| נאר דאס קען עפעס אויך נישט זיין,
2096 ווייל די חסידים אליין זענען שוין בתכלית-השלמות".
מ. דענקערמאן, קמ נ' 36, ז' 274 - I.

1883 " און ווייל שלמה |המלך| איז צו יענער צייט
2095 נאך ניט געווען בתכלית השלמות, דרום האט הקב"ה
אים מודיע געווען בחלום |...|". נופת צופים
(אויף חומש), ווילנע, דף ע' - I.

1912 " |...| טויט אלע מאל, אויף דעם העכסטן,
2094 פולקאמענסטן גראד, 'בתכלית השלמות'". זשיט,
שריפטן II, נ"י, ז' 200.

ב ת מ י ה |ביטמיע| - דער, בא. (לל) פרעגיקער טאן,
א פרעגצייכן (אן אויסדרוק פון גמרא-דיסקוסיע:
קען דאס זיין? איז דאס מיגלעך?).

בתכלית השפלות |...=האשפלעסט – [illegible],

געפאלן ביז לעצט.

1865 " דיר איז גוט באקאנט דער עלנטער |טעקסט:

עלענדע| צושטאנד פון דער שטאט בראד: דאס הייסט

די ליבע יידישע פרנסות און זייערע בילדונג וואס

איז בתכלית-השפלות". |אמד|, דיא קרעמערקעס

אדער גאלדע מינע די בראדער עגונה, ווילנע, ז' 61.

1870 " פאר וואס זאל העברעיש ליגן בתכלית-השפלות

2109 הן ביי געבילדעטע הן ביי חסידים". קמ, נ' 17,

ז' 130 – I.

... " א חוץ דעם, וואס דער ייד איז דערנידעריקט

2106 בתכלית-השפלות |...|". ממוס, א סגולה, ז' 15.

בתכלית השלמות |...=האשליימעס| – אין אבסאלוטער

שלמות, פערפעקט אין העכסטן גראד.

1870 " |...| נאר דאס קען עפעס אויך נישט זיין,

2096 ווייל די חסידים אליין זענען שוין בתכלית-השלמות".

מ. דענקערמאן, קמ נ' 36, ז' 274 – I.

1883 " און ווייל שלמה |המלך| איז צו יענער צייט

2095 נאך ניט געווען בתכלית השלמות, דרום האט הקב"ה

אים מודיע געווען בחלום |...|". נופת צופים

(אויף חומש), ווילנע, דף ע' – I.

1912 " |...| טויט אלע מאל, אויף דעם העכסטן,

2094 פולקאמענסטן גראד, 'בתכלית השלמות'". זשיט,

שריפטן II, נ"י, ז' 200.

ב ת מ י ה |ביטמיע| – דער, בא. (לל) פרעגיקער טאן,

א פרעגצייכן (אן אויסדרוק פון גמרא-דיסקוסיע:

קען דאס זיין? איז דאס מיגלעך?).

1887 " היתקע שופר בעיר והעם לא, יחרדו (וועט דען

2113 דאס פאלק ניט ציטערן, אז עס וועט הערן ווי מען

בלאזט אין שופר אין דער שטאט?), די ווערטער האט

מען געקאנט זאגן מיט א בתמיה (מיט א פראגע-צייכן)

נאר פארצייטיקע יארן". ייפאל, נ' 33, ז' 545.

1916 " אויב איר וועט וועלן? - זאגט ער באלד מיט
א בתמיה-קול, ווילן וויל איך אוודאי". 2118
ד. י. זילבערבוש, שטרעכאלער |...|, וויען, ז' 61.

1951 " ווער האט דאס נחת פון קינדער? - אזוי פרעגט
איבער אורי דער מומע פייגען מיט א בתמיה, - 2114
איך האב ניט קיין נחת און דו א ויך ניט". זש,
שקלאווער קינדער, נ"י, ז' 136.

ב ת מ י מ ו ת |ביטמימעס| - אדוו. (לל)
אומשולדיק, אן חכמות, אפנהארציק.

1886 " איך זען בויען אויף די 'אייזערנע געזעצן'
האט דער 'בונד' אפשר בתמימות געמיינט, אז זיי 2119
זיינען די איינציקע, וואס דער ייד קען ניט ארומגיין".
זשיט, שריפטן VI, נ"י, ז' 224.

1928 " ער האט געגלייבט בתמימות, אז ער גייט אויס-
לאכן, אויסראטן די ריטער-ראמאנען". שנ, 2132
לעזער, דיכטער, קריטיקער II, נ"י, ז' 356.

|| בתמימותדיק |ביטמימעסדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו.
% זיינע נאיווע, בתמימותדיקע פראגעס שטעלן אלעמען
אין א פארלעגנהייט.

ב ת ם ל ב |בעטאם לעוו| - אפנהארציק, פון גאנצן
הארצן. % ווינטשן בתם לב. ער זאגט עס בתם לב,
ערלעך, אן שום הינטער-כוונות.

15. בתנ

ב ת נ א י |ביטנאי| - אדוו. מיטן באדינג, אויסגערעדט

אז |...| נישט אנדערש נאר |...|. % דאס ביכל

גיב איך דיר בתנאי, אז זאלסט עס מיר אומקערן נישט

שפעטער ווי אין א וואך ארום. דעם באשולדיקטן

האט מען ארויסגעלאזט פון ארעסט בתנאי, אז ער דארף

זיך מעלדן יעדע וואך אין פאליציי.

1864 " |...| געבן א געוויסע סומע פון די הכנסות

פונעם עולמות-געלט, נאר בתנאי אז איר מיט גוטמאנען

זאלט האבן די השגחה אויף דעם". ממוס, דאס קליינע

מענטשעלע, קאנק 149.

1912 " פרייהייט איז דער טייטש דאס רעכט צו לעבן

ווי איך וויל, בתנאי איך זאל ניט שטערן דעם 2145

אנדערן צו לעבן ווי ער וויל". זשיט, שריפטן II,

נ"י, ז' 267.

בת - 37.

1966 " א העברעישער לערער |...| האט דערקלערט, אז

ער איז א בקי אין זשיטלאווסקיס שאפונגען, און ער 2146

וועט אים באגריסן |...| בתנאי אז מען וועט אים

לאזן רעדן אויף עברית". מ. בארנער, יזכור

כזשאנאוו, רעגענסבורג, ז' 345.

[בעטניק]

ב ת נ י ק |- דער, =עס. " בעל-מלאכה, וואס ארבעט אויס

די בתים פון תפילין" |קטור|.

16. בת

(38)

ב ת ק י ע ת - כ ף | ביטקיאָס-קאַף | - אדוו פר.

דורך געבן זיך די הענט (וועגן געבן א צוזאג, א התחייבות) % שווערן בתקיעת-כף.

1867 " העכסטנס, ווי ער זאגט צו גרויסע נדבות בתקיעת-כף און האלט ניסט קיין ווארט". קמ. 2153

נ' 13, ז' 97 - III.

ב ת ק פ ה - ---> בתוקף. (?נ?)

17. [redacted] - בת

ס ב ת ר ב ו ת |בעטארבוס| - אדוו. (לל) איידל, פיין, קארעקט, מיט גוטע מאנירן.

1986 " דער רבי מוז האבן איין גוטי הדרכה // דאז

2158 זיא |די קינדער| בתרבות אין דער שולן זאלן זיצן,

// ער מוז זיא גאר וואל איבר די הענט שמיצן".

ס' משלים, פפד"מ, דף ל"א - II.

1748 " מן זאל (בתרבות)עסין ניט וויא איין (זולל

2160 וסובא)". עפש, סידור תפילות, אמשטרדם,

תק"א, דף קס"ו - II.

ב ת ש ו א ו ת - ח ן |ביטשועס-כיין| - אדוו פר. (לל) זייער גערן, מיט באוויליקונג, מיט דאנקבארקייט.

1936 " ווען דו שיקסט מיר אראפ דיין וואוטשען,

2166 וואלט איך אים אויפגענומען בתשואות-חן".

מ. בורשטין, זש' צוקונפט, דעצעמבער, ז' 771.

... " דערלאנגט אים די אלמנה בתשואות חן דאס צווייטע ברויטל". פרץ, דריי קיכלעך, |" דין תורה מיטן ווינט"?|.

(נ?) ב ת ש ו ב ה ש ל מ ה |ביטשוווע שליימע| - אדוו פר. (לל) דורך אומקערן זיך פולשטענדיק (צו גאט, צו מצוות).

1940 " צו דעם וואס וויל צום |אויף אן| אמת גיין אין

2169 דרך-הישר בתשובה שלמה |...| דער עיקר תשובה

|...| צו קערן צו השי"ת, צו גיין אין זיינע וועגן".

פוקח עורים, נ"י, פרק ל"ו. [...] בסוף ב' 3

1711 " אונ' אין דען טאר שטיט מנשה מלך יהודה דז

בי-1533 הקב"ה האט אים מקבל געווען בתשובה שלמה,

אין דען היכל אינווייניג זיינן דרינן דיא גרושה

תשובה האבין גיטאן". נצן, בראשית, פפד"מ, דף ו'- ב.

18- בת

ב ת |באַס|! - די, מצ בנות |באַנעס/בנויס| געניצט

ס׳רוב אין צונויפהעפטן מיט אנדערע ווערטער.

1. (לל) א טאכטער, א מיידל, טייל מאל מיט א ספּעציעלן ... א) א געראָטענע טאכטער.

... אונדזער ר׳ קלונימוס האט געהאט א בת". פּרץ, בילדער און סקיצען.

(בי)

ב) (איר) א ניט-געראָטענע טאכטער. שוין איין מאל א בת ביי זיי, פארשאפט נאר די עלטערן חרפות און בושות.

0 בת אברהם(אבינו) |באס אַבראָהם (אָווינו) -

1. א יידישע טאכטער, א יידישע פרוי (סתם) |גיטין, פּט|.

2. באצייכענונג פאר א געפונען מיידעלע, וואס מע ווייסט ניט ווער אירע עלטערן זיינען.

בת-בנים |באָס-באָנים| - די, בנות-בנים |בנויס-באָנים|.

(לל) מוטער פון בלויז יינגלעך.

1855 "זיי האבן /אויך/ אפ גשלאגן פון ביידע זאכען, דס הייסט

ניט ער זאל נעמען א בת בנים, אונ זאל ניט אן 1620 בח-110

שרייבען די ירושה זון בהייו |...|". אמד, הפעמון

בבגדאד, ווארשע.

בת-גדולים |באָס-גדוילים| - די, בנות-...|בנויס-...|.

(לל) א פרוי וואס איז פון גרויסן ייחוס, שטאמט פון

באריםטע פערזענלעכקייטן. % די שנור זיינע איז

אן אמתע יפת-תואר און דערצו א בת-גדולים.

1909 " זי, זאל מיר מוחל זיין, איז געווען א

ביסל תמעוואטע... אפילו א בת-גדולים, נאר, ווי 1623

ס'קוקט אויס, א כשר קעלבל". א. וויעוויארקע,

הימעל און ערד, לעמבערג, ז' 5.

בת-דעת |באָס-דאָאָס| - (לל) א קלוגע, פארשטאנדיקע פרוי

(ווייבלעך פון בר-דעת)

... " דער רב האט זי געפרעגט, ווי אזוי זי, א

יידישע טאכטער און א בת-דעת, האט געקאנט אפטון אזוי

א זאך". באש, חורבן קרעשעוו, קאנק:237.

בת-היענה - ---> זבז.

בת-הרב |באָס האָראָוו| - (לל) א רב'ס א טאכטער. % דער

גביר האט זיך געוואלט איינקויפן אין ייחוס, האט

ער גענומען פאר א שנור א בת-הרב, אמת, פון אַן

אנדער שטעטל.

1965 " איך שטילן שמייכל פון בת-הרב האבן זיך געלאשן

די איידעלע קאלירן פון אפגעבליאקעוועטן זייד 1633

און סאמעט". חג, טמז, II/5.

בת-השמים |באַס-האַשאַמאַיִם| - (לל) 1. אן אטריבוט פאר
דער נשמה פון מענטשן. % ווען ס'קומט די צייט,
אז די נשמה זאל זיך אפטיילן פון גוף, וויינט זי,
די בת-השמים.

... " די בת-השמים גייט צוריק צו איר פאטער אין
הימל". אש. (בר)

2. די מוזע, די אינספיראציע פון א פּאָעט, א קינסטלער.
% עפעס זעט מען נישט דעם פּאָעט א לענגערע צייט,
זעט אויס ער איז זיך מתיחד מיט דער בת-השמים.

3. (עלט) די השכלה, די בילדונג, דער פרייער גייסט
(געניצט א סך דורך די משכילים אין זייער מליצהדיקער
שפּראך).

... " ער האט גערעדט מיט געוואלדיקער מליצה וועגן
דער בת-השמים, וועגן דער השכלה". חנ, מיין קריג (בר)
מיט הערש ראסיינער.

בת-זוג - ---> זבז.

בת-זקונים |באס-ז(ע)קונים| - 1. א טאכטער געבוירן
ביי א פּארפאלק אויף די עלטערע יארן זייערע.

1883 " איר פאטער האט דערפון פיל צער איינגענומען,
דען זי איז ביי אים געווען א בת-זקונים, די 1652
אויג פון קאפ". א. סאפיר, דער קליינער קאטערזניק,
ווילנע, ז' 41.

1963 " די הינדעלע, די בת-זקונים, פלעגט יעדע פֿאַר
טעג אנהייבן גענעצן, קריגן רויטע פלעקן אויפן 1653
פנים". באש, גימפּל תם, נ"י, ז' 302.

2. דאס יינגסטע מיידל אין דער משפחה, די מיזינקע.
% שוין חתונה געמאכט מיט מזל צוויי טעכטער, געבליבן
נאך די בת-זקונים אונדזערע, די מיזינקע.

בת-טובים - ---> זבז.

בת-יחידה - ---> זבז.

בת-ישראל - ---> זבז.

בת-כהן |באס-קויהען| - א טאכטער פון א יידן א
כהן, (זי האט א באזונדערן סטאטוס אין די דינים
פון חתונה האבן).

... " אבער א בת-כהן, א כהנס א טאכטער, פארבלייבט
זי אויף שטענדיק". פיעט, תרומות, ז - ב. 1710

~~בת-מלך~~ ---> בת-מלכה.

ב ת - מ י צ וו ה |באס-מיצווע| - 1. די, מצ בנות=...
|בנויס=...|. א יידיש מיידל פון צוועלף יאר אלט,
וואס זי איז שוין ווערט צו טראגן אויף זיך דעם
עול פון מיצוות. % דאס מיידל איז שוין א בת-מיצווה,
איז שוין צייט צו לערנען זי אלע ווייבערשע
מיצוות.

2. א צערעמאניע און שימחה, וואס איז אין די מאדערנע
צייטן איינגעפירט געווארן (ספעציעל אין די פאר'
שטאטן) צום ווערן צוועלף יאר אלט פון א מיידל.
% די עלטערן האבן באשלאסן צו פראווען די בת-מיצווה
אין מדינת-ישראל.

בת-ערלים |באַס-אַריילים| – אַ טאָכטער פון א ניט-יידן
(להיפך צו בת-ישראל).

1953 " פון דער בת-ערלים קומט נאך דעם ארויס
ניט מער און ניט ווייניקער ווי דוד המלך". 1752
גרינג, ייד און וועלט, נ"י, ז' 1953.

בת פלוני לפלוני |באַס פלויני ליפלויני| – (פראזע)
טייטש: די טאכטער פון דעם און דעם (איז באשערט
פאר דעם און דעם". – די ווערטער וואס, לויט
דער גלייבעניש, ווערן אויסגערופן פאר דעם
געבוירן פון א מיידל, ד"ה אז יעדער זיווג איז
מן השמים.

1883 " קום און זע, איידער דער מענטש ווערט באשאפן,
ווערט אויסגערופן למעלה: בת פלוני לפלוני". 1756
נופת צופים II, ווילנע, ז' 78 – II.

... " וואס הייסט? מיר זענען דען קיין זיווג נישט,
חס-ושלום? אז דער מלאך האט אויף אונדז אויסגערופן: 1754
'בת פלוני לפלוני', ווי מיינט איר, איז נישט געווען
קיין שמחה אין אלע עולמות?". פרץ, אין פליגל
פאר משוגעים,....... ז' 129.

בת-פלוגתא |באַס-פּלוגטע| – ווע פון בר-פלוגתא –
קעגנערין, דיספּוטאנטקע, פּאַרטנערין.

1927 " די צווייטע |יידענע|, די קורצינקע, וועלכע
איז כמעט אלע מאל איר בת-פלוגתא |...| איז 1753
באקאנט מיטן כשרן נאמען 'קרוינע די וואמפּ'".
מ. יודעלסאהן, חייקע די שוועבעלע, ווילנע,
ז' 3.

23. - בת

בת שרה, רבקה, רחל ולאה |באַס סאָרע, ריווקע, ראָכל
עלייע| - א יידישע טאכטער, א יידיש מיידל.

1964 " איר זאלט מתאים זיין צו דעם תואר, וואס
תורה גיט צו יעדע יידישע טאכטער, מען זאל דערקענען 1805
אין יעדערער פון אייך, אז דאס איז א בת שרה, רבקה,
רחל ולאה". ליקוטי שיחות (בב), נ"י,
ז' 1267 [?].

בת-תלמיד-חכם |באַס-טאַלמיד-כאָכעם| - א טאכטער פון
א תלמיד-חכם, פון א יידן א למדן, א בקי אין
יידישע ספרים. % דעם רבס טאכטער פירט זיך אויף
פיין און איידל ווי ס'פאסט פאר א בת-תלמיד-חכם".

1865 " נאך דער חתונה |...| האט די בת-תלמיד-חכם
ארויסגעוויזן איר גאנצע אדעלהייט |איידלקייט|".
א. צווייפל, תוכחת חיים, ווילנע, ז' 44.

1883 " מיר האבן דאך געלערנט: תמיד זאל א מענטש
פארקויפן וואס ער האט און זאל נעמען איין 1811
בת-תלמיד-חכם, ווארעם די פקדונות פון גאט זיינען
אויפגעהויבן ביי א תלמיד-חכם". נופת צופים ||
(אויף חומש), ווילנע, ז' 78 - !!.

... " |...| די בעלי-בתים, וואס האבן געגעבן אויף
הכנסת-כלה, האבן גאר פארגעסן, אז ברכה-לאה איז 1807
א בת-תלמיד-חכם און א כשרע פרומע נשמה".
פרץ, חסידיש, פון ר' יוחנן מלמדס מעשהלעך,
ז' 53.

בת-תשובה |באַס-טשוווע| - א פרוי וואס טוט תשובה ?נ?
(ווע פון בעל-תשובה).

1961 " דא ווערט דערציילט א ווונדערלעכע מוס-מעשה
פון אן אישה-מרשעת, וואס איז שפעטער געווארן א 1812
בת-תשובה". ב. הארוויץ, ציט דורך מ. אונגער,
טמז, X/22.

24. בת-

בת-היענה |באָס-האַיאַנע| - די, =ות |=ס|.

פֿאָלקסטימלעכער נאָמען פֿאַרן שטרויס (שטרויספויגל, רוסנ) (STRUTHIO CAMELUS), אין יידיש.

גענוצט נאר אין דער פּראָזע:

א קול פון א בת-היענה - געזאגט ווען עמעצער לאזט ארויס א גרילצנדיקע, ניט אײַנגענעמע שטימע.

1881 "|...| צעשפּרייט דעם פּיסק און לאָזט ארויס א קול פון א בת-היענה מיט א ליטווישן גמרא-ניגון". 1624
דלוגאטש, וועלט מסורה, ווארשע, ז' 17.

... "א צינד, - האט זיך גדליה געקלערט, - מעג ער שוין באקומען א קול פון א בת-היענה און 1632
זינגען ווי א שלייען". שע, יוסילע סאלאוויי, ציט אלע ווערק, אויסג נ"י, 1944....ז' 141.

1743 "עס איז פאר האנדין איין פויגל וואש היישט בת היענה דאש איז אירע אייער ליגין פאר איר 1625
און זיא קוקט אויף זיי, איז איר ראיה אזו שטארק אז זיא לעכרט דאש איי מיט איר ראיה און עס גייט ארויש איין הינדעל". קהו 1703 פורים

25. בת -

ב ת ו ך |בעסויך/בעטויך| - אין, אין מיטן, אין צווישן.

1967 " א רעדל נאך א רעדל - א רעדל בתוך רעדל".

1816 ציט, אלע לידער |...|, I, נ"י, ז' 240.

0 בתוך-הבאים |...=האבאים| - אדוו פר. (לל) צווישן די געקומענע, צווישן אלע.

1873 " איינער גייט ארויס, דער אנדער קומט אריין. בתוך הבאים קומען אָן גבאיטעס מיט זייער חן". ממוס, די קליאטשע, קאנק 164870.

1818 " פארשטייט זיך, אז דער רבי |...| איז אויך געווען בתוך-הבאים". שע, פונעם יאריד I.

בתוך-כך |...=קאַך| - אדוו פר. דערווייל, אין צווישן, אין דער זעלבער צייט.

1867 " |...| און בתוך-כך וועט זי |די צייטונג| 1823 דערלאנגען איר צוועק, וואס זי ווינטשט לטובת-הכלל". קמ, נ' 23, ז' 177 - II.

1825 ... " בתוך-כך, אזוי ווי מיר רעדן אזוי, |...| קומט אָן דער בחור". שע, טביה |...|, ז' 146.

בתוך עמי אני יושב |בעטויך אמי אני יוישעוו| - (נ?) פראזע. (לל) אין מיטן פון מיין פאלק זיץ איך - איך בין צווישן מיין פאלק, א טייל פון פאלק.

1958 " עס ווילט זיך זיין מיטן פאלק און מיט זיין 1829 טראדיציע, |...| 'בתוך עמי אני יושב'". א. גאלאמב, זש' גק, נ' 31, ז' 58.

בתוכם |בעסויכאַם| - אדוו. צווישן זיי, צווישן
אנדערע. % א סך זייַנען געגאַנגען זען די פאַרשטעלונג,
איך אויך בתוכם.

... " די איבעריקע מאַגנס, מייַנער אויך בתוכם,
האבן אונטערגעהאלפן |...|". ממוס, בישיבה 1837
של מעלה, ציט אויסג "מענדעלי", ווארשע, ז' 18.

1928 " ביי די אומות העולם און בתוכם אויך אין
פּוילן, עקסיסטירן סאציאלע אייבענישע געזעלשאפטן 1836
|...|". א. ווירשובסקי, זש' טאָז-ידיעות,
VI/20, ווארשע.

1947 " נענטער צו ברוכן זייַנען בלויז געווען עטלעכע
יידן, בתוכם צוריאל". ה. דאביז, אויף ווייס- 1834
רוסישער ערד, מאסקווע, ז' 112.

בתולה |בסולע| - די, מצ בתולות |בסולעס|.

1. א דערוואַקסן מיידל, א יונגפרוי, א ניט-
חתונה-געהאַטע פרוי.

1838 " דער נאך די העכסטי צדקה דאז מן ארמי בתולות
אויש גיבט". לט 2. סדילקוב, דף 47 - I. 1873

1866 " פאַרגעסט ניט, ער האט שוין א גרויסע בתולה,
זי איז שוין אלט 18, נאר 17 יאר אוודאי, און ער 1864
קען זי ניט חתונה מאכן |...|". מ. רעכטמאַן,
קמ, נ' 31, ז' 487.

1935 " זענט איר אן אשת-איש אדער א בתולה? -
א בתולה! - ענטפערט רעכעלע מיט עזות". באַש,
דער שטן |...| קאַנק 67.

27. בת - [redacted]

1968 " מיטגעבראכט |...| בעל-הבתישע טעכטער וואס
שטייען אין שידוכים. האלטן די בתולות איין איין
דרייען מיט די קעפ |...|". חג, צמח אטלאס II,
נ"י, ז' 230.

2. (ספעציעל) א פרוי וואס האט נאך ניט געהאט קיין
סעקסועלע באציונגען.

1872 " ווען גלייך אלט ווערט, דאָ געדענקט ער פון ?נ?
דעסטוועגן דאס זי צו אים איין בתולה איז געקומען".
צור, הפטורת נח.

1935 " א שעה אדער צוויי נאכן לייגן-פירן פלעגן
ווייבער |...| זיך אריינרייסן צום יונגן פארל,
אפערשלעפן דאס ליילעך, און אז אלץ איז געגאנגען
כשורה און די כלה איז געווען א בתולה, האט מען אין
דרויסן געטאנצט דערמיט א כשר-טאנץ". באש,
דער שפיגל |...|, ת"א, ז' 187.

1940 " א פנים פון א פרומער בתולה, בעת מע
לאזט זי אראפ אן אומשולדיקע אין קבר אריין". 1870
בערג, באם דניעפער II, מאסקווע, ז' 53.

3. (זן, איר) א מאן וואס האט נאך ניט געהאט קיין
סעקסועלע באציונגען.

1962 " ער האט געגארט נאך דעם פיזישן פארקער מיט
א פרוי, אבער ער איז נאך אלץ געווען א 'בתולה'". 1841
י. ווארשאווסקי, פאר, X/26.

4. (בא) יונגפרוישאפט, מיידלשע אומשולד.

1959 " ווען א מיידל ווערט אן די בתולה, איז זי
הפקר פעטרושקעס". י. ווארשאווסקי, פאר, II/8. 1854

|| בתולהדיק |בסולעדיק| - אדי/אדוו. 1. (ווי) פון א בתולה, פון א יונג מיידל.

1951 " די דאקטוירים האבן גענומען פיל מי צו דערהאלטן איר בתולהדיקן אנבליק". אש, משה, נ"י, ז' 35.

2. (פיג) נאך ניט אנגערירט (וועגן ערד, וואלד).

1965 " די ערשטע קאלאניסטן האבן, אויפאקערנדיק דעם בתולהדיקן באדן פון דעם גרויסן אומבאזעצטן לאנד, זייער אפט געמוזט האלטן די ביקס ביי דער זייט". פ. סאנדלער, זש' פאש, XI/15.

בתולהכן |בסולעכן| - דאס, =ס. (עלט) פֿקפֿ אדער צערטל-פארמע פון בתולה.

1894 " דאס יונגע בתולהכן האט זיך הארציק מחיה געוועזן מיט דער גליקלעכער ידיעה". איבן ק. סוביל, |מחבר?| דער דאקטאר מיט זיין טאכטער, ווארשע.

1895 " איר קערט אוודאי מיינען, אז איך זאל קיין
פנים ניט האבן עפעס פון א יינגעלע, בעטנדיק, 1915
ביי די יארן און ביי מיין שטאנד, א בתולהכן פאר א ווייב; מחמת איך האב די ליב". ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 148.

בתולהש |בסולעש| - אדי. דזוו בתולהדיק, ב 1.

1973 " |...| איר בתולהשער צאפ". ל. אליצקי,
וואלינער יידן, ת"א, ז' 369. 1893

<u>בתולהשאפט</u> |בסולעשאפט| – די, <u>בא</u>. 1. יונגפרוישאפט,
מיידלשע אומשולד.

1934 "א פרוי אבער איך אנגסט פאר <u>בתולהשאפט</u> |...|."
<u>מלה</u>, <u>לידער II</u>, נ"י, ז' 98. 1925

1951 " אין דעם טאג האט זי |די פריסטערין| געזאלט
געהייליקט ווערן צו א לעבנס–לענגלעכער <u>בתולהשאפט</u>". 1924
<u>א. קאצענעלנבאגען</u>, <u>זב ליטע I</u>, נ"י, ז' 316.

2. אומבארירטקייט, /אין/ סעקסועלן זינען בכלל, אויך לגבי
א מאנספארשוין.

1943 " |...| זיין קערפער געהאלטן אין אן אומבא–
פלעקטער <u>בתולהשאפט</u>". <u>אש</u>, <u>דער מאן פון נצרת II</u>, 1930
נ"י, ז' 82.

<u>בתולותדיק</u> |בסולעסדיק | – אדי. <u>דזוו</u> <u>בתולהדיק</u>.

1943 " די לופט איז פול געווען מיט בשמים פון
<u>בתולותדיקער</u> בליונג". <u>אש</u>, <u>דער מאן פון</u> 1935
<u>נצרת II</u>, נ"י, ז' 171.

<u>בתוליש</u> |בסוליש| – <u>אדי/אדוו</u>. <u>דזוו</u> <u>בתולהש</u>.

1966 " זיין געמיט איז נאך געווען געגוג <u>בתוליש</u>".
<u>מ. צאנין</u>, <u>ארטאפאנוס</u> |...|, ת"א, ז' 88. 1948

0 <u>בתולה–באדן</u> – דער, =ס. ערד וואס איז קיין מאל
ניט געווען געאקערט.

1962 " געקומען דאך מיט יארן צענדליקער צוריק //
דיין <u>בתולה–באדן</u> מיט מיין שווייס באגאסן". 1903
<u>א. לעוו</u>, <u>זש פא"ש</u>, I/15.

בתולה-הייטל - דאס, =עך. דיך הייטל וואס פארמאכט
דעם געשלעכט-ארגאן פון א פרוי, וועלכע האט נאך
ניט געהאט קיין סעקסועלע באציונגען.

בתולה-וואלד - דער, =וועלדער. א וואלד וואס קיין
מענטשלעכער פוס האט נאך ניט באטראטן.

1959 " ביי נאכט האבן אנגעבלאזן הייסע ווינטן פון
די בראזיליאנישע בתולה-וועלדער". י. ווארשאווסקי, 1912
פאר, IX/5.

בתולה-ערד - די, בא. דזוו בתולה-באדן.

בתולה-צושטאנד - דער, בא. מצב פון נישט אָנגערירט- (?,?)
קייט.

1912 " דער בתולה-צושטאנד פון אבסאלוטער ריכטיקייט,
פון באוויזנקייט בלי שום ספק, אין אלע מאטעמאטישע 1932
הנחות איז פארשווונדן אויף אייביק". זשיט,
שריפטן III, נ"י, ז' 152.

ד די הייליקע בתולה - מרים (מאַריאַ) די מוטער פון
ישו הנוצרי.

די בתולה פון לודמיר - די לודמירער מויד, דאס
יידישע מיידל פון לודמיר, וואס האט א געוויסע
צייט זיך געפירט ווי א חסידישער רבי.

א כשרע בתולה - א מיידל וואס האט ניט געהאט קיין
סעקסועלע באציונגען.

די אייזערנע בתולה - מכשיר פון פייניקן אין מיטל-עלטער.

31. [redacted] בת-

א בתולה ווי א מזוזה - דזוו א כשרה בתולה.

א בתולה אין עלנבויגן - (שפאטיש) וועגן א מיידל
וואס איז שוין קיין בתולה נישט (ב' 2).

1922 " זי איז אנגעקומען א בתולה. - יא, אין עלנבויגן".
ל. מלאך, אפפאל, ווארשע, ז' 153. 1884

1966 " און ער זי: נפקא, מויד מיט א כתב |...|,
בתולה אין עלנבויגן". באש, פאר, ~~[illegible]~~ 1899

א בתולה אין אפפאַס - בצוו רפאו.

א בתולה מיט א כתב |... קסאוו| - א מיידל וואס
איר בתולה-הייטל איז אין אן אומגליקספאל דורכ-
געלעכערט געווארן, איידער זי האט חתונה געהאט;
(אין [illegible] פאל) פלעגט מען ברענגען עדות און דער רב פלעגט ארויסגעבן
א כתב (דאָקומענט), אז ס'איז אזוי געשען, כדי מען
זאל ניט באשולדיקן דאס מיידל אין סעקסועלע
באציונגען פאר דער חתונה.

זי איז אזא צנועה [ארויסרייד: צניע] ווי די בתולה מאריע
- וועגן א מיידל וואס פירט זיך ניט גאָר אנשטענדיק.

ווען אן אלטער מאן נעמט א בתולה, האבןביידע ניט קיין
גדולה | שוו | - ביידע זיינען ניט גליקלעך.

אן אלמנה איז א סכנה, א גרושה איז א בושה, א בתולה
איז א גדולה | שוו | - ס'הייסט דאס בעסטע איז
חתונה צו האבן מיט א בתולה, וואס ברענגט גליק,
פרייד.

ם

1. ----->

1612 " אך זאל איין איטלכער בעל בית גיווארנט זיין

|...| דז ער זאל קיין בתולה שיקן ביי דער נכט 1843

אויזם הויז נאך ביר |...|". תקנות |...| ק"ק פראג,

ציט ריקינד, רשומות ד, ת"א, 1926.

1723 " דרום גיט דש שפריך ווארט: איין בתולה וויא

צוא ווילשט איין אלמנה וויא זיא וויל". 1876

ס' המנהגים, אמשטרדם, דף נח - II.

2. ----->

1728 " דער שתן פון איינה רעכטי בתולה אחד גאנץ

לויטער". סור, פיורדא, תפ"ח, דף י"ח - I. 1847

ב ו ל י ם |בסולים| - די, מצ. בתולה-הייטל

( --> |בתולה|.

1872 " עס זיינען פיל מיידלעך די טרייבן זנות און

היטן זיך, אירע בתולים בלייבן ווען זיי גלייך 1943

זנות טרייבן". צור, חיי שרה.

1941 " איך האב נישט געפונען ביי דיין טאכטער

קיין בתולים". תי, דברים, כב - 17. 1942

1963 " אנשל האט געפונען א פארטל ווי אזוי איבער-

צורייסן ביי דעם די בתולים". באש, זש' גק, 1946

נ' 46, ז' 102.

ם

1716 " אונ' דא האבן זי גיפונדן |...| יונג פרויאן

די דא נאך האבן אירי בתולים גיהאט בז זי קיין 1941

מאן האט בישלאפן". סהמ III, שופטים, ווילהרמרשדארף,

דף ל"ד - I.

33. בַּת

(28)

ב ת - ז ו ג |באס-זוג| - די, מצ בנות=...|בנויס=...|

(לל) 1. דער ווייבלעכער טייל פון א פארפאלק,

דאס ווייב. % ער איז א געטרייער מאן און זארגט

גוט פאר זיין בת-זוג.

בת - [illegible].

1895 " דער מנורת המאור זאגט: כאטש אן אישה איז

דעם מענטשנס בת-זוג, פון דעסטוועגן זאל זי דאך 1651

דעם מאן ניט האלטן אין אירע אויגן ווי א חבר,

נאר ווי א מאן". |מחבר?|, האמת והשקר, לובלין,

ז' 40.

1974 " |...| איז קוק ניט וואס דו ביסט באיארט,

|...| זוך אויס א בת-זוג און שטעל אויף א 1650

משפחה". צ. אייזנמאן, זש' גק, נ' 82, ז' 56.

2. די באשערטע, די פרוי וואס איז מן השמים באשטימט

געווארן צו זיין דאס ווייב.

1822 " |...| ווער מגולגל ווערט דער קאן נעמען

יענעמס בת זוג". נצ, 2, ווילנע והוראדנא, 1644

תקפ"ב.

... " האט אים |אברהמען| גאט מבשר געווען, אז עס

איז געבארן געווארן זיין |יצחקס| בת-זוג". 1645

מחזור כל בו בית ישראל, ר"ה II, נ"י, הפ"ק, [?],

ז' 138.

.2 ←-----

1711 " |...| דער רוח הקודש איז זיין טאג ניט אב

גיטאן גיווארן פון משה האט ער דארן גיווישט דז 1649

צפורה ווערט זיין בת-זוג זיין". בצ, 1, שמות,

פפד"מ, דף ד/ג.

1798 " עש זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט |...|

דאש דו זאלשט בשערן אלי מייני זין זיין רעכטן 1648

(בת זוג) וואש דו |...| האשט אים אויף גלייגט

צוא נעמן". תחנות ובקשות, דיהרנפורט,

איבערדרוק ווילנע 1858, דף טו/א.

34. בת־ 3M

(29)

בת־טובים |באַס־טויווים| – 1. די, |בנות=...
|בנויס=...|. (על) א טאכטער פון א מיוחסדיקער
געהויבענער משפחה. % די כלה איז א שיינע און
א בת־טובים, פון רבנישן ייחוס.

1819 [?1817] " עס וואר איין עושר אונ דער עושר האט גינומן
מיט גוואלט איין בת טובים פאר איין ווייב דען ער 1660
וואר תקיף ביי דעם שררה אוך איר פאטר אונ מוטר
איז זייא ניט ניחה גוועזן אז ער וואר מיט איר
חתונה האבן". ס׳ חסידים, ווילנע, תקע"ט,
קונטרס יג/ב.

1867 " ער האט אים חתונה געמאכט מיט א בת־טובים,
|...| גיט אים קעסט ביז איצט |...|". קמ, 1656
ג׳ 11, 85 – I.

בת – ~~24~~.

1913 " א בת־טובים וועט קיין מאל נישט גיין איין
אזעלכע וועגן, ווייל דער שורש, דער מקור איז 1659
גוט". י. האלפערן, שיינדעלע, ווארשע, ז׳22.

1963 " איך וויל, אז דער רבי זאל וויסן, אז איך,
מלכה מאריינעס, בין אן אמתע בת־טובים |...|". 1657
פ. רודאי, טמז, VI/30.

2. דער צונאָמען פון שרה בת מרדכי פון סאַטאַנאָוו
(אנהייב XIX י"ה) די בארימטע מחברטע פון תחינות
פאר ווייבער אין יידיש. % די תחינות פון שרה
בת־טובים האבן א היפשן פאָעטישן ווערט.

ם -----> 1.

1688 " דאס ווייב איז איין בת טובים, זיא איז
מיוחס |...|". ר׳ יעקב בר׳ יצחק, מליץ יושר, 1658
אמשטרדם, תמ"ח.

35. בת

<u>זן</u>, =ס, די, – בת-יחידה |באַס-יעכידע|

<u>בנות-יחידות</u> |בנויס-יעכידעס|. איין-איינציקע (30)

טאכטער פון א משפחה. % א ציטערדיקע <u>בת-יחידה</u>.

די עלטערן גיבן נאך זייער <u>בת-יחידה</u> אלע אירע קאפריזן.

1851 " האט ער |דער רב| גרופין בתוך הסעודה צום

גביר פון שטאט און האט אים ג'זאגט אוב איר ווילט 1693

א שידוך האבן פר אייער <u>בת יחידה</u> דארפט איר קיין

פּעסירס ניט". <u>מעשה |...| פון א ממזר וויא ער</u>

<u>האט מקדש שם גוועזן</u>, ווארשע, תרי"א, ז' 6.

... " |...| סע האט זיך אפגעזוכט מיין קינד, מיין

<u>בת-יחידה</u>, מיין אויג אין קאפ". <u>שע</u>, <u>דאס גרויסע</u> 1692

<u>געווינס</u>, <u>ציט אלע ווערק</u> ב... נ"י, 1944,

ז' 254.

1921 " א <u>בת-יחידה</u> ביי א נגיד |...| דאס אויג אין

קאפ ביי טאטע-מאמע, געבאדן אין פּוטער און אין מילך, 1688 באד 1106

ערצויגן צו גאט און צו לייט". <u>ד. י. זילבערבוש</u>,

<u>סקיצען</u>, ווין, ז' 18.

1975 " פֿינקל איז געווען א בת-יחידה. פֿון זיבן
איינע געבליבן". באש, דער שפיגל |...|, ת"א,
ז' 59.

|| בת-יחידהלע |באס-יעכידעלע| - דאס, =עך. דזוו
בת-יחידקע |זע ווייטער|.

בת-יחידיש |באס-יעכידיש| - אדי/אדוו. (ווי)
פֿון א בת-יחידה. % בת-יחידישע קאפריזן. זי
פֿירט זיך אויף גאר בת-יחידיש, כאטש חוץ איר זיינען
דא נאך דריי מיידלעך אין שטוב.

בת-יחידהווען/בת-יחידהן (זיך) |באס-יעכידעווען/
באס-יעכידען (זיך)| - אומוו. אויפֿפֿירן זיך
ווי א בת-יחידה, פֿראווען בת-יחידישע שטיק.

1951 " איך האב אפגעדרוקט א פעקל ווערבן, אונטער-
געהערט אין קאוונע און אנדערשוו אין ליטע, וואס
מען האט זיי געשאפֿן אין פראצעס פֿון ריידן (ער
איכהט, ער בלעמט, זי בת-יחידהט זיך און א צאל
אנדערע)". ימ, זב ליטע I, נ"י, ז' 464.

בת-יחידקע |באס-יעכידקע| - די, =ס. פפ: בת-יחידהלע
|באס-יעכידעלע|. צערטל-פֿארמע פֿון בת-יחידה
(אפט מאל געניצט דווקא איראניש); פקד בת-יחידקעלע
|באס-יעכידקעלע|.

... " און וואס איז דער חידוש? אזא בראך! א בת-יחידקע,
איין אויג אין קאפ". שע, אייזנבאהן-געשיכטעס, 1700
ז' 91.

1944 " דאס הויז וואס ברוך האט געהאט בדעה אויפֿ-
צובויען לכבוד דער חתונה פֿון זיין בת-יחידקע,
האט נאך דערווייל ניט עקסיסטירט". ייט,
פוילן I, ז' 67,

1944 X

"דערצו האט דער ציידע ברוך געוואוסט, אז זיין בת-יחידקעלע מוז אוועק פון אסמולסק |...|".

דצוו, ז׳ 89.

פפֿ: פּיעשטשען זיך ווי א בת-יחידה. ציטערן ווי איבער א בת-יחידה. אויסגעצוואגן ווי א בת-יחידה - זייער זויבער, ציכטיק.

שון: דאס צווייטע ווייב און א בת-יחידה פירן אלצדינג אויס - ווייל זיי פעשטשען זיך, האלטן זיך גרויס.

א בן-יחיד זאל מען מיידן, א בת-יחידה זאל מען זוכן - געמיינט ביי א שידוך, ווייל א בן-יחיד איז צעבאַלעוועט, אין נישט גוט צו האבן אזא פאר אן איידעם, און א בת-יחידה גיט מען געוויינטלעך א סך נדן.

די בת-יחידה זאל מען פרייען דעם בן-יחיד זאל מען שייען - דער מיין איז ווי פריער.

(רעדט: שיינען יעדעס שייטן?)

איטלעכע בת-יחידה האט זיך איר חנדל | וואר: מאכט זיך איר חנדל צו רעכט | (א-)יעדע בת-יחידה קאפריזעוועט אויף איר אייגענעם שטייגער; ב) ווערט מיטגעשלעפט הינטער זייער שוועסטערן,

ם 1610 " עז איז איין משל צו איין מלך דער דא האט איין (בת יחידה) דא קומט איין מלך אונ׳ נעמט זי |...|". טח, מדרש, שמות, כה - ח. 1683

1696 " דיא טייטשי אותיות האב איך גיזעצט מיט מיינר האנד.// עלה בת ההר"ר משה אויז הולאנד. // מייני יאר ניט מער אז ניין. // צווישן זעקש קינדר בין איך איין בת יחידה אליין. // דרום ווען איר איין טעות געפינט. // זוא גידענקט דאש עש האט נייארט גיזעצט איין קינד". |סידור| תפלה למשה |...|, 1680

דעסוי, דף קע"ד - 2.

37.a – קפ

בת-ישראל |באס-יִסראעל| - די, מצ בנות=...

|בנויס=...|. 1. א יידישע טאכטער, א יידישע פרוי/ מיידל, א יידישקע.

1875 " און דאס איז די גוטע עצה צו איטלעכן בר-ישראל
און בת-ישראל |...| זיך דערווייטערן פון כישוף". 1706
קהל, ווילנע, ז' נ"ז - II.

1909 " ס'איז נישט קיין גבר פשוט: פארשעמען א
בת-ישראל און דערצו נאך א בת-קדושים". 1759
א. וויעוויארקע, הימעל און ערד, לעמבערג, ז'15.

1968 " |...| דאך האב איך ניט חרטה, וואס איך האב
~~ניט מבייש געווען א בת-ישראל ארך מיט איר חתונה געהאט". חג, צמח אטלאס,~~
ניט מבייש געווען א בת-ישראל און מיט איר חתונה
געהאט". חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 157.

בת - [redacted].

2. א טאכטער פון א ישראל, להיפך פון א בת-כהן, בת-לוי.

◻ א בת-ישראל גייט מען נישט |שוו| - געמיינט איך
עניך פון א שידוך, אז מע טאר ניט צווינגען א יידיש
מיידל, זי זאל חתונה האבן מיט עמעצן קעגן איר ווילן.
ווולגארער ווואריאנט פון ווערטל: א יידישע טאכטער נייט
מען נישט, נאר מע טרענט |געבויט אויף צוויי
ווארטשפילן: א) 'נייט' פון 'נייען' און 'נייט'
פון 'נייטן'; ב) 'טרענען' - צעגעמען די פעדעם
פון אן אויפגענייטער זאך און 'טרענען' - (ווולגאר)
סעקסועלע באציִונגען.

ם ---> 1.

1676 " אונזרי חכמים שרייבן איין בת ישראל זול ניט
זייגן איינר גויה קינד אבר איין גויה מאג מאל זייגן 1708
איין יודש קינד |...|". ברנט שפיגל, פפד"מ,
פרק יח.

1729 " דער כבוד פון איין בת ישראל די איין הויז בלייבט".
נייאי תחינות ובקשות, הומבורג, תפ"ט.

ב ת - מ ל ך |באַס-מעלעך| - די, מצ בנות-מלך

|בנויס-מעלעך|. (עלט) דזוו בת-מלכה. (32)

1833 " דורך מיינע מיאוסע און אייך |אום=| גרעכטע

מעשים האָב איך גורם געווען צו דער נשמה וואָס זי 1719

איז אייך בת-מלך צו ליידן |...|". שבט מוסר,

תקצ"ג, סדילקאָב, פּרק ד, דף כ/2.

1875 " עץ |טעקסט: עטץ|מוזט וויסן, אַז זי |די נשמה|

איז אַ בת-מלך און דער מלך האָט זי אַהער געשיקט 1716

|...| לערנען און זיך בילדן |...|". קהל חסידים,

לעמבערג, דף יד - II.

ב ת - מ ל כ ה |באַס-מאַלקע| - די, =ס, פֿפֿ זן בת-מלך

|באַס=מעלעך|. די טאָכטער פֿון אַ מלך און אַ מלכה,

אַ פּרינצעסין. (33)

1888 " דענסטמאָל וואָלט ער זיך געוווּנטשן אַ בת-מלכה,

אַ פּרינצעסין, אַ שטוב מיט אַ בעל-הבתישקייט, עטלעכע

ציגן |...|". ממוס, דאָס ווינטשפֿינגערל,

קאַפּ 40. 49's, 1913

... " די כלה האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט ניט אַנדערש

ווי אײַנעם געשטאַלט פֿון אַ בת-מלכה". שע, פֿונ'ם יאַריד I, 1721

ז' 194.

1920 " און גאָט ווייסט, וואָס איך דעם אַלטן שלאָס טוט

זיך... אַ פֿאַרכישופֿטער פֿון ששת-ימי-בראשית אָן, 1739

און אפֿשר זיצט דאָרט אַ מאָל אַ געפֿאַנגענע בת-מלכה אויך?".

ווייס, אַ הייסער שבת-טאָג, ציט אַנט, ז' 252.

1952 " יידן האָבן געהאַט אַן אייגענע, היימישע

בת-מלכה |...| דאָס איז געווען די מלכה-שבת". 1722

ה. מאָרדער, דאָס בוך פֿון לובלין, |ת"א?|, ז' 151.

בת - 36.

|| בת-מלכהדיק |באַסמאַלקעדיק| - אדי. (ווי) פון א בת-מלכה.

1922 " |...| די בת-מלכהדיקע אויגן קוקן זיך איבערן

הויף ארום". י. שטיינבערג, אין א פארוואָרפן 1745

ווינקל, בערלין, ז' 4.

פפ: שיין ווי א בת-מלכה. איידל ווי א בת-מלכה,

אויסקליידן זיך (אנטאן זיך, אויספוצן זיך) ווי א

בת-מלכה.

1905 " צו דער חתונה וועט מען זי אויסקליידן ווי

א בת-מלכה". ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע, 1730

ווילנע, ז' 56.

לאָזן מיר שטיין דעם בן-מלך און נעמען זיך צו דער

בת-מלכה - אָנגענומענער שטייגער אין יידישע

פאלקס-מעשיות (שפּעטער אריין אין כלל-שפּראַך) בכּדי

איבערגיין פון איין ענין צום צווייטן.

40. בת

37

(34)

ב ת - ק ו ל |באַס-קאַל| - דאָס/דער, |=ן?|.

1. א שטים פון הימל, ס'רוב אין זינען פון א וואָרענונג, אַן אָנזאָג.

1832 " אלי יום-כיפור גייט אויש א בת קול פון דעם
1773 הימל אונ זאגט גייא עש דייך שפייז מיט פרייד אן
דיא פיר טאג וואש זאניך צווישין יום כיפור אונ
סוכות". מחזור לשלש רגלים, סלאוויטע, דף כ"ד.

... " דאס בוך |שיר-השירים| האט געזאלט |...|
1770 פארניכטעט ווערן |...| איז אבער ארויס א בת-קול:
אל תגעו במשיחי! 'רירט נישט מיינע געזאלבטע!".
פרץ, אלע ווערק X, ציט אויסג נ"י, 1947, ז' 79.

1938 " עס פאלט אין דער טיף פון די דורות א בת-קול".
1797 אל, לידער און פאעמען III, נ"י, ז' 168.

1954 " איך מיין, אז אין תוך, אין זיינע 'מעמקים'
1764 האט דער צדיק גאר דעם בת-קול ניט געגלייבט |...|".
גרינ, בלעטלעך |...|, נ"י, ז' 376.

2. עכאָ, ווידער-קול.

... " א בת-קול פליט אדורך דעם וואלד, // עס
1780 בלאזט ווי פון א הארן:// דער לייב איז קראנק
|...|". פרץ, דעם לייבס לוויה, ציט אלע ווערק,
ב'... ז' 61.

1920 " און ערגעץ פון ווייטן דערגרייכט מיר א
1772 בת-קול, // אזוי ווי אן עכא |...|". דא,
גש I, ווארשע, ז' 111.

1961 " נאר זעלטן האט דאס מילגערויש א פלוצלינגן
1791 ציטער געטאן און זיך מיט א טרויעריק בת-קול
דורכגעשניטן: סטאָפּ!...סטאָפּ!". בערג,
אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 26.

---- 1.

?1685 " איז איין בת קול קומן אונ' האט גישריאין
1767 אלכסנדר פאהר ניט ווייטר |...|". עפש, דרך
הישר לעולם הבא, פפד"מ, דף כ"ו - I.

1711 " רשי שרייבט דאס (בת קול) פון הימל הראב
1787 גישריאן |...|". צור, וישב, אמשטרדם,